Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 4 , נומער 1 (16)

חשוון תשנ״ט/נאָוועמבער 1998

## זומער אין דרײַ עקן פֿון דער ייִדישוועלט

יעדן זומער קומען פֿאַר אינטענסיווע ייִדיש־קורסן אין פֿאַרשיידענע ערטער אויף דער וועלט. דאָס יאָר האָט מען געשאַפֿן צוויי נײַע קורסן : אין שטראַסבורג אין עלזאַס[1], וואָס איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פֿון מערבֿ[2]־ייִדישער קולטור און אין ווילנע – די אַמאָליקע ירושלים דליטא[3]. דרײַ סטודענטן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די דאָזיקע פּראָגראַמען האָבן איבערגעגעבן זייערע אײַנדרוקן.

### שטראַסבורג (סילוויאַן)

צוואַנציק זענען מיר געווען אין שטראַסבורג – פֿון אַמעריקע, פּוילן, פֿראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד, און אַפֿילו פֿון... שטראַסבורג. אין משך פֿון[4] דרײַ וואָכן זענען די לאָקאַלן פֿון דער „אָרט“[5]־שול געווען אונדזער קורסאָרט, אונדזער ווינאָרט, אונדזער שמועסאָרט. אין דער פֿרי לערנען מיר זיך אין דרײַ קלאַסן. סאָניאַ פּינקוסאָוויטש, שמואל בונים און בערל ווײַסבראָט לערנען ייִדיש אַלעמען, מענטשן וואָס קענען קיין איין פּיצל[6] פֿון דעם נישט און אַנדערע וואָס ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון[7]. נאָכמיטאָג זענען דאָ וואַרשטאַטן : טעאַטער מיט ראַפֿי גאָלדוואַסער, דעם רעזשיסאָר פֿון *לופֿט־טעאַטער*, געזאַנג מיט אַסטריד רוף, פֿון דער גרופּע *ייִדישע מאַמעס און פּאַפּעס*, עלזאַסער ייִדיש מיט אַסטריד שטאַרק פֿון מולוזער אוניווערסיטעט, און ייִדיש קאָכן מיט צוויי פֿײַנע שטראַסבורגער פֿרויען.




אין אָוונט פֿילמען און רעפֿעראַטן, לחיימס[8] מיט מענטשן פֿון שטראַסבורגער קהילה[9], וויזיטן אין אַלטע ייִדישע דערפֿער. געלאַכט, געפֿרייט זיך, געשפּילט און געזונגען, און בײַם סוף אַ סעודה[10] מיט תּלמידים, לערערס, געסט און אַלע פֿרײַנד.

### ניו־יאָרק (לאַוראַ)

אויב איך וועל אײַך זאָגן אַז איך האָב גערעדט ייִדיש אַלע טאָג במשך פֿון זעקס וואָכן מיט מענטשן פֿון דער גאַנצער וועלט, וועט איר זאָגן אַז דאָס איז אַ ליגן[11] ! אויב איך וועל זאָגן : איך האָב געזען ייִדישע פֿילמען, געהערט ייִדישע כּלי־זמרים[12] און גערעדט מיט ייִדישע אַקטיאָרן... אַ ליגן ! און אויב איך זאָג אַז איך האָב געקויפֿט און מיטגעבראַכט מיט מיר דרײַסיק ביכער ? איר וועט טראַכטן אַז איך בין משוגע[13] געוואָרן אין אַמעריקע.

אָבער ניין ! אַלץ איז אמת ! איך בין נאָר געווען אַ סטודענטקע אין דער זומער־פּראָגראַם אין ניו־יאָרק. משוגע מוז מען זײַן צו שטודירן אַזוי שטאַרק אין זומער. אָבער וואָס פֿאַר אַ מחיה[14] צו גיין אין אוניווערסיטעט און האָבן וווּנדערלעכע לערערס און הערן רעפֿעראַטן אויף ייִדיש. אַפֿילו די אָנהייבערס פּרוּוון זייער פֿרי צו רעדן נאָר אויף ייִדיש.



די פּראָגראַם איז אָרגאַניזירט בשותּפֿות[15] פֿון קאָלומביע־אוניווערסיטעט און ייִוואָ[16]. אַזוי קען מען טרעפֿן יונגע פֿאָרשערס וואָס לערנען ייִדישע לימודים[17] אין קאָלומביע און אין אַנדערע אוניווערסיטעטן. און אַוודאי[18] באַזוכט מען דעם לאָקאַל פֿון ייִוואָ ווו זיי ווײַזן אונדז ווי צו ניצן די אַרכיוון.

מע דאַרף אויכעט זיך דערמאָנען אַז ניו־יאָרק איז אַ ייִדישע שטאָט, ווו עס זענען דאָ אַ סך ייִדישע אונטערנעמונגען : פֿאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, פֿילמען.

בקיצור[19], זײַן אַ סטודענט זעקס וואָכן אין דער ניו־יאָרקער זומער־פּראָגראַם איז איינער פֿון די בעסטע אופֿנים[20] זיך צו לערנען ייִדיש.

### ווילנע (רות)

אין יולי זײַנען 71 תּלמידים פֿון איבער דער גאַנצער וועלט געקומען אויף פֿיר וואָכן קיין ווילנע מיטן צוועק[21] זיך צו לערנען מאַמע־לשון דאָ ווו די ייִדישע קולטור האָט אַ מאָל געבליט[22] ווי אין ערגעץ נישט. אָט די פֿיר וואָכן פֿונעם „ווילנער פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור“ זענען געווען פֿאַר מיר אַן אומפֿאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

כּמעט[23] די העלפֿט פֿון די סטודענטן זענען קיין מאָל נישט געווען אין אַ מיזרח[24]־אייראָפּעיִש לאַנד און פֿאַר אַ סך פֿון זיי איז ליטע געווען דאָס לאַנד פֿון זייערע באָבע־זיידעס.



און דאָרטן אין ווילנע האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט האַרציקע, איבערגעגעבענע[25] מענטשן וואָס אַרבעטן כּדי עס זאָל לעבן אין זייער שטאָט נאָכן חורבן[26] און נאָך 50 יאָר קאָמוניזם אַ ייִדישע קהילה, אַ צענטער פֿאַר ייִדישע לימודים אינעם ווילנער אוניווערסיטעט, אַ ייִדישער מוזיי און ... אַ זומער־פּראָגראַם. און פֿאַר די 30 מיזרח־אייראָפּעיִשע סטודענטן וואָס האָבן געקענט קומען אַ דאַנק די סטיפּענדיעס איז עס אויך געווען אַ נס[27] זיך צו פֿאַרטיפֿן אין דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אין ווילנע.

1. Alsace ; 2. MAYREV ouest/west ; 3. YERUSHOLAYIM DELITE la Jérusalem de Lituanie : nom donné à la ville de Vilnius, centre renommé d'études juives en Europe/Jerusalem of Lithuania, designation of Vilnius, known as a major center of Jewish studies in Europe ; 4. ... MESHEKH ... pendant/during ; 5. ORT Œuvre-Reconstruction-Travail, organisme fondé en Russie en 1880/Society for Manual Work, founded in Russia in 1880 ; 6. pas du tout/not at all ; 7. MAME-LOSHN langue maternelle/mother tongue (yiddish) ; 8. LEKHAIMS pots/drinks ; 9. KEHILE communauté/community ; 10. SUDE repas de fête/festive dinner ; 11. mensonge/lie ; 12. KLEZMORIM ; 13. MESHUGE fou/crazy ; 14. MEKHAYE plaisir/pleasure ; 15. BESHUTFES conjointement/jointly ; 16. YIVO - ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט Institut scientifique juif fondé à Vilnius en 1925 et installé à New York depuis 1940 /Jewish Scientific Institute founded in Vilnius in 1925, located in New York since 1940 ; 17. LIMUDIM (*sing.* LIMED) études/studies ; 18. AVADE bien sûr/of course ; 19. BEKITSER bref/in short ; 20. OYFANIM (*sing.* OYFN) façons/ways ; 21. but/aim ; 22. fleuri, *ici* : épanoui/flourished ; 23. KIMAT presque/nearly ; 24. MIZREKH orient/east ; 25. dévoués/devoted ; 26. KHURBN Shoah ; 27. NES miracle

# די באַן פֿון לעבן

## אָדער

## צי מעג מען דרייען אַ קאָמעדיע וועגן דעם חורבן[1] ?

### אַ יונגער פֿראַנצייזישער רעזשיסאָר, ראַדו מיכײַלעאַנו, פֿון רומענישן אָפּשטאַם, וואָס זײַן טאַטע איז בעת דער מלחמה פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער, האָט געדרייט אַ פֿילם וואָס מע שפּילט איצטער אין פּאַריזער קינאָס.

די מעשׂה קומט פֿאָר אין אַ שטעטל אין רומעניע אין 1941. די ייִדן זוכן אַ מיטל ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פֿון די נאַצישע רדיפֿות[2]. האַלטן זיי אַן אַסיפֿה[3] און קלערן וואָס צו טאָן, ביז שלמה דער משוגענער האָט אַ גוטן אײַנפֿאַל ! זיי זאָלן געפֿינען אַ באַן און מאַכן אַן אָנשטעל[4] אַז דאָס איז אַ דײַטשישער פֿאַרשיקונג־טראַנספּאָרט, אַליין שפּילן אַלע ראָלעס – פֿון ייִדן און סאָלדאַטן און אײַזנבאַן־אַרבעטער – און מיט דער באַן אַדורכפֿאָרן גאַנץ אייראָפּע און זיך ראַטעווען קיין ארץ־ישׂראל. אַזוי הייבט זיך אָן די מעשׂה.

פֿיר חבֿרטעס האָבן געזען דעם פֿילם צוזאַמען. אָט איז אַן אָפּקלאַנג (אין פֿאָרעם פֿון אַ דיאַלאָג) פֿון זייערע פֿאַרשיידענע מיינונגען.

**ל.** – מיר איז דער פֿילם זייער געפֿעלן. מײַן משפּחה איז פֿון רומעניע – איך אַליין בין געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ – און דער פֿילם האָט מיך שטאַרק גערירט. איר האָט דאָך געזען – איך האָב נישט אויפֿגעהערט צו וויינען.

**א.** – מיר איז ער אויך געפֿעלן, כאָטש אין אָנהייב האָט ער מיך שטאַרק דערשטוינט, ווײַל איך האָב פֿריִער גאָרנישט געוווּסט וועגן וואָס עס גייט.

**ה.** – איך מיין אַז דער פֿילם איז סכּנותדיק[5]. מענטשן, און איבערהויפּט יונגע לײַט וואָס וועלן אים זען וועלן גלייבן אַז דאָס וואָס איז פֿאָרגעשטעלט איז אמת. אָבער אַלץ איז דאָך פֿאַלש.

**ל.** – מײַן קוקווינקל[6] איז גאָר אַ סוביעקטיווער. ס'איז מיר שווער זיך פֿאָרצושטעלן ווי אַ מענטש וואָס ווייס גאָרנישט פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה[8], קען אויפֿנעמען אַזאַ פֿילם. נאָר איך מיין אַז דער פֿילם קען ניט שאַטן – ס'איז געמאַכט געוואָרן מיט ליבשאַפֿט.

**ב.** – איך האָב געזען דעם פֿילם ווי אַ חלום – אַ קאָשמאַר וואָס בײַט זיך אין אַ חלום. די גאַנצע מעשׂה האָט אויסגעטראַכט דער משוגענער. אויפֿן לעצטן בילד זעט מען אים הינטער די שטעכיקע דראָטן[9] פֿון אַ לאַגער. ער חלומט אַז די גאַנצע קהילה פֿון זײַן שטעטל איז געראַטעוועט געוואָרן. ס'איז די נקמה[10] פֿונעם דמיון[11].

**ה.** – אָבער נישט נאָר די מעשׂה איז אַ פֿאַלשע. אַלץ וואָס מע ווײַזט וועגן דעם לעבן אין שטעטל איז אויך נישט אמת. די ייִדן אין די שטעטלעך זײַנען געווען זייער אָרעם און וואָלטן נישט געקענט אָנזאַמלען אַזוי פֿיל געלט כּדי צו קויפֿן אַ באַן.

**ב.** – אפֿשר. נאָר דאָס וואָס איז גאַנץ שיין איז אַז ער ניצט אויס טראַדיציאָנעלע מאָטיוון – ווי דער שטאָט־משוגענער – און אַז די העלדן, כאָטש זיי זײַנען סטערעאָטיפּן און כאָטש ס'איז ניטאָ קיין טיפֿער אַנאַליז, זײַנען מענטשן מיט אַ שיינער נשמה, ווי דער רבֿ, און ווי דער וואָס דאַרף שפּילן דעם הויפּטנאַצי, דער באַקאַנטער אַקטיאָר רופֿוס.

**ל.** – די אַקטיאָרן שפּילן אַלע אויסערגעוויינטלעך און די דיאַלאָגן זײַנען גוט געמאַכט. די מוזיק איז אויך שיין, מיט ייִדישע מאָטיוון וואָס פֿאַרפֿלעכטן זיך[12] מיט די ציגײַנערישע.

**א.** – נישט נאָר די מוזיק, נאָר די באַציִונגען צווישן ייִדן און ציגײַנער זײַנען געווען זייער שיין. נאָר איין זאַך האָט מיר אויסגעזען מאָדנע : די קאָסטיומען און די דעקאָראַציעס זענען געווען פֿון מיט הונדערט יאָר צוריק, נישט פֿון די פֿערציקער יאָרן.



**ה.** – אַלע העלדן און אַלע סיטואַציעס זײַנען אויסגעטראַכטע. איך מיין אַז דער רעזשיסאָר וואָלט געדאַרפֿט דאָס שרײַבן אין אָנהייב, אַנישט האָט דער עולם נישט קיין באַגריף[13] פֿון דער רעאַליטעט.

**ב.** – ס'איז קלאָר אַז ער וויל אָפּוואַרפֿן דעם אמת ווײַל ער קען עס ניט פֿאַרטראָגן[14]. ער וויל די מעשׂה זאָל האָבן אַ גוטן אויסלאָז, ווי די מעשׂיות וואָס זײַן מאַמע פֿלעגט אים דערציילן ווען ער איז געווען אַ ייִנגל.

**ה.** – נאָר פֿאַר וועמען האָט ער געוואָלט מאַכן אַ קאָמישן פֿילם ? פֿאַר די פּליטים[15] ? פֿאַר ייִדן וואָס זייערע משפּחות זײַנען אומגעקומען אינעם חורבן ? זיכער נישט. הײַנט צו טאָג ניצט מען אויס אַזעלכע עפּעקטן כּדי צו פֿאַרקויפֿן אַ פֿילם !

**ב.** – ס'איז אמת. מע ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון דעם דאָזיקן פֿילם. מע ציטערט פֿאַר דער גאַנצער קהילה, אָבער די באַן פֿאָרט און פֿירט אונדז צו צום לאַנד פֿון אילוזיע, ווו עס לויערט די סכּנה, אַז מיר זאָלן פֿאַרגעסן.

1. KHURBN Shoah ; 2. REDIFES persécutions ; 3. ASIFE assemblée/assembly ;
4. faire semblant/make believe ; 5. SAKONESDIK dangereux/dangerous ;
6. point de vue/point of view ; 7. perçu/perceived ; 8. TKUFE époque/period ;
9. fils barbelés/barbed wire ; 10. NEKOME vengeance/revenge ; 11. DIMYEN imagination ; 12. s'entremêlent/ are intertwined ; 13. idée/conception ;
14. supporter/bear ; 15. PLEYTIM rescapés/refugees.

# „מע גייט אַ קוכן[1]“

**אָט דער אַרטיקל, פֿון שמעון נויבערג, אַ ייִדיש־לערער און פֿאָרשער אינעם אוניווערסיטעט פֿון טריר (דײַטשלאַנד), איז אַ שמייכלדיקער שפּאַציר איבער דער ייִדישער ליטעראַטור, אַרײַנגעמענדיק פֿילאָלאָגיע, מוזיקאָלאָגיע, כאָרעאָגראַפֿיע און זאָאָלאָגיע... און אַלץ הייבט זיך אָן מיט אַ מאָדנעם וואָרט : קעקוואָק[2].**



איר געדענקט אין שלום-עליכמס אײַזנבאַן־געשיכטע „דער צענטער“ דעם ווײַט־אַסימילירטן פֿאַרשוין „ספֿק ייִד ספֿק קריסט[3]“ וואָס וויל נישט מע זאָל אים אַרײַנרעכענען אין דעם מנין[4] ? מע רופֿט אים אויך אַ מאָל „דער פּײַפּער“, ווײַל ער האָט „געקוקט אין פּענצטער און געפּײַפֿט“ – נאָר וואָס געפּײַפֿט ? ווייס מען נישט גענוי – „עפּעס אַ באַקאַנטער ניגון, דאַכט זיך אַז קעקוואָק“.

אַ קעקוואָק איז דעמאָלט געווען גאָר אַ מאָדערנע זאַך (געשריבן איז די מעשׂה 1910). הײַנט צו טאָג ווייסט מען פֿון אַ קעקוואָק דער עיקר אַ דאַנק דעביוסי, אין וועמענס „טשילדרענ׳ס קאָרנער“ (זעקס קורצע פּיעסעס פֿאַרן פֿאָרטעפּיאַן[5], געשריבן 1908/1906) עס איז פֿאַראַן „גאָליוואָג׳ס קעקוואָק“. נאָר דעמאָלט איז עס נאָך פֿריש געהאַט אַריבער פֿון אַמעריקע ווו עס איז אַנטשטאַנען[6] סוף 19טן י״ה, ווי עס ווייסן מוזיקאָלאָגישע ענציקלאָפּעדיעס. דער נאָמען זאָל זיך האָבן גענומען פֿון דעם, וואָס דער בעסטער טענצער פֿון אַ גרופּע שקלאַפֿן פֿלעגט קריגן אַ פּרײַז, געווײנטלעך אַ קוכן.



דאָס וואָרט „קעקוואָק“ איז פֿאַרשריבן אין „אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך[7]“ בײַ די „ענגליש־אַמעריקאַנער טענץ“ צווישן אַ „טוסטעפּ“ און אַ „קוואַדראַטטאַנץ“.

פֿאַרשטייט זיך, אין אַ שפּעטערדיקער תּקופֿה[8] וואָלט דער פּײַפּער מסתּמא גיכער געפּײַפֿט אַ „דזשעז“, דערנאָך אַ „ראָק“, אַ „לאַמבאַדאַ“, אַ ווייס־איך־וואָס – הײַנט אפֿשר אַ שטיקל „קלעזמער־מוזיק“, מע זאָל מיינען אַז ער איז אַ פֿאַרטיקער גוי.

טאָ – ווי נעמט זיך, אויב אַזוי, אַז אין דער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג פּײַפֿט זיך גאָר „עפּעס ווי קאַלינקאַ“ ? צי איז דאָס גאָר אַ השפּעה[9] פֿון דער ענגלישער ווערסיע ?... מילא, קיין חסידישער ניגון איז „קאַלינקאַ“ אויך נישט – אָבער ווען איז דאָס געווען אַ סימן מאָדערנקייט ?

איין מעלה[10] האָט די־אָ איבערזעצונג : צוויי קופּן פֿון קעקוואָק ווערן יאָ אָפּגעהיט. און גראָד די קופּן האָבן אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען[11] דעם ווײַטערדיקן ייִחוס[12] פֿון אַ „קעקוואָק“ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. יאָ – פֿאַראַן נאָך אַן אָנזעעוודיקער[13] ייִדישער קעקוואָק – בײַ א. שטיינבאַרגן. אַזאַ קעקוואָק וואָס אי אין טיטל אי אין צענטער פֿון אַ משל – נישט בלויז בײַ דער זײַט פֿון אַ „צענטער“...





אליעזר שטיינבאַרג נוצט קונציק די קלאַנגען פֿונעם וואָרט (בײַ אים : „קע־קו־אָק“) וואָס דערמאָנען אין דעם קוואַקען פֿון אַ זשאַבע[14] – ווערט עס אַ טאַנץ בײַ די פֿרעש : „ס׳איז אַזאַ מין מאָדנע טאַנץ דאָרט אין געמויזעכץ[15], / וואָס ער הייבט זיך אָן מיט פויזעכץ[16] / אויפֿן בויך / און גייט איבער אין אַ שפּרינגען אין דער הויך“.

שטיינבאַרג באַווײַזט אפֿילו אַ דימינוטיוו „אַ קע־קור־עקל“ (גראַמט זיך דאָרטן „מיטן עקל“).



נו – האָבן מיר אַ טאַנץ אַ צוגעטשעפּעטן פֿון דער פֿרעמד, אַ „ספֿק־ייִדישן“ וואָס האָט זיך געקראָגן זײַן בכּבֿודיק[17] ווינקעלע דווקא אין דער ייִדישער ליטעראַטור... מיט אַ ניגון (דעביוסי) און מיט אַ (פֿראָשיקן) אופֿן אים צו טאַנצן (שטיינבאַרג), נאָר ווי דערוויסט מען זיך דעם טעם־טעם פֿונעם קוכן ?

1. ווערטערשפּיל אויפֿן אויסדרוק „גיין אַ טאַנץ“, סינאָנים פֿון טאַנצן ; 2. (אַ טאַנץ) walk +(אַ קוכן) cake פֿון ענגליש : אַ סאָרט טאַנץ ; 3. SOFEK *lit.* doute/doubt *ici :* on ne sait pas s'il est l'un ou l'autre/*here* : hard to tell whether he's one or the other ; 4. MINYEN ; 5. piano ; 6. est née/originated ; 7. טעמאַטישער ווערטערבוך פֿון נחום סטוטשקאָף ; 8. TKUFE époque/period ; 9. HASHPOE influence ; 10. MAYLE avantage/advantage ; 11. GOYREM גורם זײַן entraîner/cause,bring about ; 12. YIKHES lignée/lineage *ici/here* importance ; 13. éminent ; 14. grenouille/frog *syn*: אַ פֿראָש *plur*: פֿרעש 15. marécage/bog, slime ; 16. (pause/pose) ווערטערשפּיל אויף פּאָזע/ פויזע 17. BEKOVEDIK honorable.

# אין די פּאַריזער טעאַטערס

## צוויי פֿאָרשטעלונגען אין פּאַריז באַהאַנדלען ייִדישע טעמעס



*דער וואַרשטאַט*[1] פֿון זשאַן־קלאָד גרומבערג איז אַ פּיעסע אינספּירירט פֿון דעם אויטאָרס לעבן. זי קומט פֿאָר אין אַ פּאַריזער שנײַדער־וואַרשטאַט ווּ זײַן מאַמע האָט געאַרבעט אין די יאָרן באַלד נאָך דער מלחמה[2]. צוואַנציק יאָר נאָך דער פּרעמיערע און פֿופֿציק יאָר נאָך די געשעענישן[3] וואָס זי באַשרײַבט, מאַכט די פּיעסע אַ לעבעדיקן רושם[4] און איז אַ וויכטיק עדות־זאָגן[5] וועגן אַ צײַט ווען די צוריקגעקומענע פֿון די לאַגערן האָבן נישט געקענט רעדן און די אַנדערע האָבן נישט געוואָלט הערן. די פּיעסע ווערט נאָך געשפּילט אין טעאַטער „העבערטאָ“ און האָט אַ גרויסע הצלחה[6].

די פֿאָרשטעלונג *אייביק שרײַען ביז אחרית־הימים*[7] באַשטייט פֿון לידער פֿון בעניאַמין פֿאָנדאַן פֿאַרפֿלאָכטן[8] מיט ייִדישע פֿאָלקסלידער. פֿאָנדאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאַס[9] (רומעניע) דעם 14טן נאָוועמבער 1898. די פּיעסע האָט מען געשפּילט אין אָנדענק[10] פֿון זײַן הונדערטסטן געבוירן־טאָג. ער איז אָנגעקומען אין פֿראַנקרײַך אין 1923 און אָנגעהויבן שרײַבן לידער אויף פֿראַנצייזיש. אין 1944 איז ער פֿאַרשיקט[11] געוואָרן אין אוישוויץ ווּ ער איז אומגעקומען[12]. זײַנע לידער זענען אַ געשריי קעגן אומגערעכטיקייט[13] און מענטשלעכן לײַדן[14]. אין נאָוועמבער וועט די טרופּע פֿאָרן אין רומעניע און שפּילן די פּיעסע אין בוקאַרעסט און אין זײַן געבוירן־שטאָט יאַס.



1. «L'atelier»/ «The Shop» (title of play in French) ; 2. MILKHOME guerre/war ; 3. événements/events ; 4. ROYSHEM impression ; 5. EYDES-... témoignage/ testimony ; 6. HATSLOKHE succès/success : 7. AKHRES-HAYOMIM «Crier toujours jusqu'à la fin du monde»/«Crying out until the end of time» ; 8. entremêlés/ intertwined ; 9. Jassy ; 10. commémoration ; 11.déporté/deported ; 12. mort/ died (violent) ; 13. injustice ; 14. souffrance/suffering.

## אַ גרויסע אַבֿדה[1] פֿאַר דער ייִדיש־וועלט

דעם 28סטן סעפּטעמבער 1998 איז אין אַמסטערדאַם, נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט געשטאָרבן מיראַ רפֿאַלאָוויטש, אַ שרײַבערין, טעאַטער־מענטש, לערערין און ייִדיש־טוערין[2]. זי האָט זיך פֿאַרנומען[3] מיט איבערזעצונגען פֿון ייִדיש פֿאַרן טעאַטער (ווי למשל[4] *דער דיבוק*[5] פֿון ש. אַנ־סקי) און האָט אַרײַנגעצויגן אַ סך מענטשן אין ייִדישע קולטורעלע אונטערנעמונגען[6]. זינט עטלעכע יאָרן האָט זי אויך אָרגאַניזירט דעם אַמסטערדאַמער ייִדיש־פֿעסטיוואַל. קורץ פֿאַר איר טויט האָט זי נאָך געאַרבעט איבער דער אַדאַפּטאַציע פֿאַר דער בינע פֿון לייוויקס *גולם*[7] און איבער דער איבערזעצונג אויף האָלענדיש פֿון *גרינער אַקוואַריום* פֿון אבֿרהם סוצקעווער.

1. AVEYDE perte/loss ; 2. animatrice de la vie culturelle yiddish/person active in Yiddish cultural life ; 3. s'est occupé/engaged in ; 4. LEMOSHL par exemple/for example ; 5. DIBEK Le Dibouk/The Dybbuk ; 6. activités/activities ; 7. GOYLEM Le Golem/The Golem.

**ייִדיש אויף אינטערנעט :**
**www.yiddishweb.com**
**דער ייִדישער טעם־טעם אויף אינטערנעט :**
**www.yiddishweb.com/tamtam.htm**

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr



**אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :**
*אַניק, ברוניד, גאָלדע, זשיל, יצחק, לאָראַ, מרים, נאַטאַליאַ, סילוויאַן, רובי, רות, שמעון.*